STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02768

ONKL MOZES

Sholem Asch

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

באַוועגלעכע כרעסטאָמאַטיע,
צונויפגעשטעלט פון ש. באַסטאָמסקי

ש. אַש

אָנקל מאָזעס

פון דער דערציילונג „אָנקל מאָזעס"

פאַרלאַג „נייע יידישע פאָלקסשול".
ווילנע ○ ○ ○ ○ ○ 1930.

Wypisy żydowskie w zeszytach,
złożone przez **S. BASTOMSKIEGO**

Printed in Poland.

Sz. Asz

„Onkel Mozes"

Drukarnia „Express" Wilno, Wielka 33.

ש. אַש.

א. דער „אַמעריקאַנער" אין שטעטל.

אַמאָל האָט זיך אין קוזמין, אַ קליין שטעטל אין פוילן, פלוצלונג באַוויזן אַ פרעמדער. קורץ געקליידט, אין מאָדנע געקעסטלטע הויזן, געמאַכט פון אַ ווײַבערישער סחורה, גרויסע גאָלדענע רינגען אויף די הענט און אַ גאָלדענע קייט אויף דער סאַמעט־געקעסטלטער וועסט; אַ מענטש אָן וואָנצעס, נאָר מיט אַ בערדל. אַלטע אײַנוווינער האָבן באַלד אין דעם פרעמדן דערקענט יוסף קאַשן־מאַכערס עלטסטן זון, וועלכער איז אַוועק מיט יאָרן צוריק אין די ווײַטע מקומות. באַלד איז דאָס גאַנצע שטעטל געוואָר געוואָרן פון דעם „אַמעריקאַנער", וואָס איז צוריק אַהיים געקומען, און אינאָוונט איז יוסף קאַשן־מאַכערס שטיבל באַלאַגערט געוואָרן פון קרובים, באַקאַנטע און ווײַטע, שכנים און גלאַט אײַנוווינער פון שטעטל, וועלכע זײַנען געקומען נאָכפרעגן זיך נאָך זייערע, וואָס זיי האָבן אין אַמעריקע. האָט איינער געהאַט אַ זון אין אַפריקע, אין בראַזיליע, אָדער אַפילו אין לאָנדאָן — איז מען געקומען זיך נאָכפרעגן אויף אים בײַם אַמעריקאַנער. ווײַל וואָס דאָס איז אַזעלכע־אַמעריקע — האָט מען נאָך ניט גאַנץ גוט געוווּסט אין שטעטל. אַלץ האָט געהייסן דעמאָלט אַמעריקע — פון יענער זײַט גרענעץ אָן, האָט זיך אויסגעוויזן, איז איין — איין גרויסע שטאָט, און די שטאָט הייסט אַמעריקע.

באַלד האָט דאָס גאַנצע שטעטל אָנגעהויבן קלינגען פון דעם „אַמעריקאַנערס" רײַכטום. מע האָט דערציילט פון אַ שטעקן מיט אַ גאָלדענעם קאָפּ, וואָס ער האָט געבראַכט דעם פאָטער זײַנעם, און פון מתנות־גאָלדענע זייגערס און קייטן, וואָס ער האָט געבראַכט די ברידער און דער גאַנצער משפחה. יוסף קאַשן־מאַכער, וועלכער איז געווען אין שטעטל ניט קיין זייער־אָנגעזעענער באַלעבאָס, אַ ייִד, וואָס האָט אַ גאַנצע נאַכט געמאָלן קאַשע אין אַ קליין געוועלבל און שטענדיק אַרומגעגאַנגען בײַטאָג אַ פאַרשלאָפענער, איז מיטאַמאָל געוואָרן אַזוי אָנגעזען, ווי ער וואָלט דאָס גרויסע געווינס געווינען. אַ גאַנצן שבת האָט מען געהאַלטן אין איין טראָגן קוגל און טשאָלנט פון שיינע באַלעבאַטים צו יוסף קאַשן־מאַכערס שטוב, מכבד זײַן דעם גרויסן גאַסט, דעם „אַמעריקאַנער".

אין אַ געוויסער צײַט אַרום איז דער „אַמעריקאַנער" פאַרשווונדן פון שטעטל און מיטגענומען אַ ייִנגערן ברודער מיט זיך.

נאָך דעם „אַמעריקאַנער" האָט קוזמין זיך אָנגעהויבן צו לאָזן קיין אַמעריקע. קיינער האָט אין אָנפאַנג ניט באַמערקט, ווי דאָס שטעטל ווערט ביסלעכווײַז, ביסלעכווײַז שיטערער און שיטערער. צוערשט האָט דער „אַמעריקאַנער" אַריבערגענומען זײַנע אייגענע: די ברידער, דערנאָך די משפחה, די פעטערס, די איידעמס און די זין פון די פעטערס. דערנאָך האָבן זיך אָנגעהויבן צו ווענדן צו אים באַקאַנטע און גלאַט אַזוי לאַנדסלײַט נאָך שיפסקאַרטן. דער „אַמעריקאַנער" זאָגט ניט אָפּ און דאָס שטעטל ווערט איינציקווײַז אויסגערונען. אין שטעטל זעט מען מער ווײַבער ווי מענער, מער עלטערן ווי קינדער, מער קליינע און אַלטע ווי דערוואַקסענע. אַלע זײַנען זיי אַוועק נאָכן „אַמעריקאַנער".

ב. דער „אַמעריקאַנער" אין אַמעריקע.

אין געוועלב פון קליידער איז געשטאַנען דער „אַמעריקאַנער", דער אָנקל מאָזעס, אָן אַ ראָק, און האָט מיט אַ גרויסער שנײַדערשער שער זיך אָפּגעשאָרן די נעגל פון די פינגער. איבער דער גאַנצער לענג פון געוועלב זײַנען געשטאַנען לאַנגע, ברייטע טישן, אויף וועלכע עס איז געווען אָנגעלייגט ביז אין האַלבן באַלקן אַרײַן קופּעס מיט קליידער: רעק, מאַרינאַרקעס, הויזן און וועסטן.

בײַ די טישן האָבן זיך אַרומגעדרייט שטאַרקע יונגען, ברייטבייניקע מיט שטײַפע אַרויסגעשטעלטע ברוסטן, און האָבן געשוויגן פאַר אימה פאַרן אָנקל. עס איז נאָך געווען זייער פרי, און די שנײַדער-אַרבעטער זײַנען ערשט אַרײַנגעקומען צו דער אַרבעט.

— קוזמין קריכט-קוקט נאָר, קוקט, ווי קוזמין קריכט-האָט דער אָנקל מאָזעס געוויזן מיט דער גרויסער שער אויף די יידן, אַ טייל מיט בערד, אַ טייל אָן בערד, וועלכע זײַנען אַרײַנגעקומען אין געוועלב אַרײַן און האָבן זיך געלאָזט גיין אַרויף אויף די טרעפּ, אויף די אויבערשטע שטאָקן, וווּ עס זײַנען געווען די געווערק-שטולן.

העי, דו גרינער נאָטע! וואָס קריכסטו? וואָס מיינסטו, דאָ איז קוזמין? אין קוזמין איז מען געקראָכן, אין אַמעריקע לויפט מען. האַרי-אָפּ, פאַרשטאַנען? הויב די פיס, דו אוגערקע! —

די יונגע בײַ די טישן מיט די קליידער האָבן אויפגעלאַכט, ווי געוואָלט צופרידנשטעלן דעם אָנקל — אָבער צו לאַכן האָבן זיי ניט געוואַגט. דער אָנקל האָט אויפגעהויבן זײַנע אויגן, די שיטערע גרעלע ווײַס זײַנען פאַרטרונקען געוואָרן אין דעם פעטס פון זײַן פּנים, און די יונגען זײַנען פאַרשטומט געוואָרן.

אינדעם האָט זיך אין געוועלב באַוויזן אַ מיידל. אירע צוויי שוואַרצע צעפּ זײַנען געווען ערשט געצוואָגענע און פאַרקעמטע און אַראָפּגעלאָזט זיך, מיט רויטע בענדלעך פאַרקניפּט, איבער אירע פּלייצעס. דאָס ברוינע זשאַקעטל כאָטש אויסגעריבן, דאָך איז עס געווען ריין. מע האָט געשפּירט דערפון אַ שטאַרקן גערוך פון עסיק, מיט וועלכן דאָס מיידל האָט די פלעקן אַרויסגענומען.

— קען איך זען דעם אָנקל מאָזעס? — האָט דאָס מיידל געפרעגט דעם ערשטן אָנגעטראָפענעם מענטשן אויף דער שוועל פון טיר.

אַז דער אָנקל מאָזעס האָט דערהערט ווי דאָס מיידל פרעגט זיך אויף אים, האָט ער פונדערווײַטנס, ניט אויפהויבנדיק די אויגן, זיך אָפּגערופן:

— וואָס איז די מער?

אין דעם טאָן האָט דאָס מיידל דערקענט, אַז דאָס איז דער אָנקל מאָזעס. זי איז פלינק צוגעגאַנגען צו אים און געזאָגט אין אַ בעטנדיקן, קינדישן טאָן:

— אָנקל מאָזעס, זײַ גוט צו מײַן פאָטער! דו קאָנסט אים העלפן. איך בעט דיך.

— ווער ביסטו? — האָט דער אָנקל געפרעגט.

— מײַן נאָמען איז מאַשע. איך בין אַהרן מעלניקס טאָכטער. דו ביסט זײַן אָנקל.

— דו ביסט יענעמס, אַ, איך ווייס שוין. אַי, נאָו — וואָס ווילסטו?

דאָס מיידל איז נאָך געשטאַנען פאַרן אָנקל, און אין טיר האָבן זיך באַוויזן איר פאָטער אַהרן מיט דעם עלטסטן ברודער זײַנעם בערל.

— אָט איז פאַ — האָט מאַשע אויסגערופן, דערזעענדיק דעם פאָטער.

— וואָס טוסטו דאָ? — אַהיים גיי, גיי אַהיים — האָט זיך אַהרן פֿאַרשעמט פֿאַר די מענטשן איבער דעם, וואָס זײַן קינד איז אַרײַנגעקומען בעטן פֿאַר אים.

מאַשע האָט זיך אָפּגערוקט אין אַ ווינקל.

— וואָס איז די מער? — האָט דער אָנקל זיך צוגעשריִען נאָך פֿונדערווײַטנס, ווען ער האָט דערזען די יידן אַרײַנקומען.

סעם, אַ שטאַרקער יונג פֿון אַ יאָר עטלעכע־און־צוואַנציק, איז צוגעלאָפֿן צו די יידן, זיי אָפּגעשטעלט און עפּעס גערעדט מיט זיי.

סעם איז געווען דעם אָנקל מאָזעס ליבלינג. ער איז געווען זײַן שוועסטער־קינד און ענלעך צו אים. ער, דער אָנקל, האָט אים אַראָפּגעבראַכט קײַן אַמעריקע און גענומען צו זיך אין־געשעפֿט אַרײַן. סעם איז געווען דעם אָנקל זייער געטרײַ און אָפּגעהיט דעם אָנקלס אינטערעסן. דער אָנקל האָט געוווסט דערפֿון און ער האָט געהאַט צו דעם יונג מער צוטרוי ווי צו אַלעמען. סעם האָט געקענט בײַם אָנקל אַלץ אויספֿירן. און אַלע לאַנדסלײַט, וואָס האָבן באַדאַרפֿט עפּעס צום אָנקל, האָבן זיך צום ערשטן געווענדעט צו סעמען.

— סעם, בעט פֿאַר אים, סעם, טו אַ טובֿה אַהרנען — האָט בערל געבעטן בײַ סעמען פֿאַר זײַן ברודער.

סעם איז צוגעגאַנגען צום אָנקל און געזאָגט:

— אָנקל! אַהרן מעלניק פֿון קוזמין איז צוריקגעקומען צו דער אַרבעט — אים צוריקנעמען?

— ס׳הייבט זיך ניט אָן—האָט דער אָנקל זיך אָנגעהויבן באַשעפּטיקן מיט דער שער, וואָס דאָס איז אַ צייכן, אַז „אַלע טירן זײַנען צוגעשלאָסן”—זאָל ער גיין מיטן ברודער נאָך ברוקלין שוירטס נייען מיט איטאַליענישע שיקסעס. איך באַדאַרף אים ניט מער. פֿאַר מיר איז ער שוין צו אַלט.

— אָנקל, האָט רחמנות אויף אים... האָט דער עלטערער ברודער בערל גע־וואַגט צוטרעטן אַ טריט נעענטער פֿאַרן אָנקל — ער האָט דאָך אַ ווײַב מיט קינדער, דער אָנקל וועט זיך אַ גרויסע מצווה פֿאַרדינען. אַ גרויסע מצווה.

— איך טו ניט קײַן מצוות. איך האָב שוין גענוג געטאָן מצוות, מע זאָל מיך זידלען דערפֿאַר. — סעם, וואָס האָט ער געזאָגט אויף מיר, אַז ער איז אַראָפּגעלאָפֿן פֿון דער הויך?

— מאַלע, מע זאָגט, האָט ער געזאָגט — האָט זיך אָפּגערופֿן דער עלטערער ברודער בערל — עס איז אים שלעכט, רעדט ער. האָט ער גערעדט נאַרישקײַטן. זאָל אים דער אָנקל...

— נאַרישקײַטן, בײַ מיר רעדט מען ניט קײַן נאַרישקײַטן; בײַ מיר רעדט מען גאָרניט. בײַ מיר שווײַגט מען. געהערט? מע שווײַגט! — האָט דער אָנקל אויפֿגעהויבן די ברעמען.

— ווי האָט מען אים גערופֿן אינדערהיים, סעם?

— אַהרן גאָרגל.

— גאָרגל האָט מען אים גערופֿן—האָט דער אָנקל זיך הויך פֿונאַנדערגעלאַכט—גאָרגל, גאָרגל איז גוט—נאָר דאָ אין אַמעריקע גאָרגלט מען ניט. אין קוזמין גאָרגלט מען, ניט דאָ, אין אַמעריקע.

מאַשע איז געשטאַנען אין אַ ווינקל און צוגעזען און צוגעהערט ווי מע שפּאָט

און מע באַליידיקט איר פּאָטער. אירע בעקלעך האָבן געברענט און אירע הענטלעך האָבן געציטערט.

— קום פּאַ אַהיים — איז זי צוגעגאַנגען צום פּאָטער און אָנגענומען אים בײַ דער האַנט, — זײַ ניט דאָ, פּאַ. זיי זײַנען שלעכטע מענטשן... זאָרג זיך ניט, פּאַ, — מיר וועלן שוין לעבן. דו ביסט אַ שלעכטער מענטש — זאָגט זי צום אָנקל מאָזעס — אַ ברוטאַל, אַ חיה, דאָס ביסטו.

— מאַשע, וואָס טוסטו? דעם אָנקל בעט איבער, וואָס האָסטו געזאָגט?

— איך וועל ניט איבערבעטן דעם אָנקל. קום, פּאַ, אַהיים. קום, פּאַ, איך וויל ניט דו זאָלסט דאָ זײַן.

דער אָנקל מאָזעס האָט אויפגעהויבן זײַנע ברעמען, אַוועקגעלייגט די שער פון דער האַנט, פאַרלייגט די הענט זיך אויפן בויך, אַ מינוט געקוקט אויפן מיידל, אָנגענומען דעם גאָלדענעם קייטל פון זײַן זייגער און דערמיט געבאָמבלט און אויסגערופן:

— סעם!

— יעס, אָנקל — איז דער יונג צוגעלאָפן.

— ווי האָט מען אים גערופן אינדערהיים? — האָט ער אָנגעוויזן אויף אַהרנען.

— גאָרגל.

— נעם דעם גאָרגל אַרויף אינדערהויך און גיב אים אַרבעט.

מאַשע האָט געקוקט אויפן פּאָטער, וואָס וועט פּאַ טאָן. זי האָט געזען, ווי פּאַ איז מיט פרייד אַרויפגעשפּרונגען אויף די טרעפּ צו די ווערקשטעלן נאָך סעמען, און דער אָנקל האָט אים נאָכגעשריען.

— גיי, גאָרגל, גיי.

דאָס מיידל איז פלינק אַרויסגעלאָפן פון געוועלב.

ג. דער נײַער „פּרעה".

קוזמין האָט טרײַ געדינט דעם אָנקל מאָזעס. קוזמין איז געזעסן בײַ דער אַרבעט און האָט געגנייט רעק, הויזן, וועסטן פאַר מענטשן, וואָס זיי האָבן ניט געוווּסט ווו זייער געביין געפינט זיך. גאַנץ קוזמין איז געזעסן בײַם אָנקל מאָזעס אינדערהויך אויפן „בוידעם" אין שאָפּ און געגנייט: רב יואל, דער גבאַי פון שול, און איטשע דער שוסטער-יונג, און יודל דער ווײַבערשער שנײַדער, און חיימשע דער פעלדשער — אַלע נייען.

אָנקל מאָזעס האָט אויסגעגלײַכט גאַנץ קוזמין. ניטאָ מער קײַן שיינע באַלעבאַטים, גבאים, מיט אָרעמע בעלי-מלאָכות, ניטאָ קײַן תלמידי-חכמים מיט גראָבע יונגען, ניטאָ קײַן שוסטערס, קײַן עלטסטע — אַלע דינען צו איין אָפּגאָט, אַלע טוען איין זאַך — נייען הויזן.

דער אַלטער מעלניק, אָנקל מאָזעס פּאָטער, וועלכן דער זון האָט אַראָפּגעבראַכט קײַן אַמעריקע, דרייט זיך אום מיטן גאָלדענעם שטעקן, וואָס דער זון האָט אים געשאָנקען אַ מתנה, און דאָס שטײַפע קאַפּעליושל, צו וועלכן ער איז ניט געוווינט, פּײַניקט אים. פאַררוקט ער עס אָן אַ זײַט. ער לאַנגווײַליקט זיך דאָ אין אַמעריקע און בענקט נאָך דעם קאַשע-מילכל. פאַר לאַנגווײַליקייט האָט ער אָנגעהויבן צו טרינקען. קײַן באַקאַנטע האָט ער ניט געהאַט. אַלע זײַנע לאַנדסלײַט האָבן

געאַרבעט ביי זיין זון אין שאַפּ. האָט ער ליב געהאַט אַרויפצוקומען אין שאַפּ און פאַרברענגען מיט זיי. און שמועסן וועגן קוזמין, פון רב און חזן. און אָפטמאָל האָט זיך קוזמין אַזוי אַריינגעלאָזט אין די שמועסן פון דער היים, אַז זיי האָבן זיך צו־קריגט איבער אַ חזן אָדער אַ שוחט און פאַרגעסן זיך, אַז זיי זיינען שוין ניט די באַלעבאַטים פון קוזמין.

נאָר באַלד איז אַלץ פאַרשטומט געוואָרן. קוזמין איז פאַרציטערט געוואָרן, פאַרשטיינערט, פאַרגליווערט. קוזמין איז געוואָרן איין מאַשין, וואָס האָט געהאַלטן אַ נאָדל אין האַנט און האָט געניייט. אין געווערקשטעל האָט זיך באַוויזן אָנקל מאָ־זעס מיט דער גרויסער שער אין האַנט. ער האָט נאָר געשוויגן, נאָר אויפגעעפנט די אויגן און זיך אַרומגעקוקט. קוזמין האָט געצויגן די קעפּ צו די הויזן און גע־בייט. אָנקל מאָזעס איז צוגעגאַנגען צום פאָטער און האָט אים אָנגענומען ביים אָרעם:

– טאַטע, קום אַראָפּ.

– איך וויל ניט, וואָס ווערסטו מיר טאָן, וואָס? איך האָב ניט קיין מורא פאַר דיר – האָט דער אַלטער מעלניק געשריען און געקלאַפּט מיטן שטעקן מיט קוראַזש, וואָס ער האָט שטענדיק געקראָגן נאָך אַ שנעפּסל.

– טאַטע, דו שטערסט זיי צו אַרבעטן. זיי באַדאַרפן זיין אַליין, קום אַראָפּ מיט מיר.

– איך וויל ניט גיין, איך האָב ניט קיין מורא פאַר דיר, וואָס פאַר אַ „פּרעה" ביסטו געוואָרן? ווער ביסטו, ווער? האָסט אַ פאָטער, אַ שיכּור, וואָס איז מיט דיר דער יחוס? – האָט דער פאָטער געזידלט דעם זון.

קוזמין האָט ניט געוואַגט צו הערן. אָנקל מאָזעס איז אַרומגעגאַנגען אַרום די ביימאַשינען און באַטראַכט די אַרבעט. ער איז זייער ערנסט געווען, און זיין ערנסט־קייט האָט אַ שרעק אָנגעוואָרפן אויף די לאַנדסלייט, און עס האָט זיך זיי אַפילו ניט פאַרגלוסט צו פרייען זיך פון דעם אַלטנס זידלערייען.

– איך וויל ניט גיין – האָט דער אַלטער נאָכאַמאָל אָנגעהויבן צו שרייען – וואָס פאַר אַ „פּרעה" ביסטו געוואָרן אין אַמעריקע. איך האָב ניט קיין מורא פאַר דיר. נאַ זע דעם „פּרעה מלך מצרים"... ווער ביסטו, ווער?

ד. דער יוניע־מאַן.

אָנקל מאָזעס שאַפּ איז געווען אוממעגלעך צו אָרגאַניזירן אין אַ יוניאָן*)־שאַפּ. וויפיל די יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַטאָרן האָבן ניט געפּרוווט צו יוניאָניזירן די לאַנדסלייט פון אָנקל מאָזעס שאַפּ, האָבן זיי זיך שטענדיק אָנגעשלאָגן ווי אין אַן אייזערנער וואַנט. די סיבה דערפון איז געווען, וואָס די באַציִונג צווישן אָנקל מאָ־זעס און זיינע אַרבעטער איז געווען אַ משפחה־באַציִונג. די קוזמינער לאַנדסלייט זיינען שטאַרק געווען מיט אָנקל מאָזעס פאַרמעגנס. אַז זיי זיינען דורכגעגאַנגען פאַרביי אַ הויז, וואָס האָט געהערט צום אָנקל מאָזעס, האָבן זיי זיך דערמיט גע־גרויסט, ווי עס וואָלט געווען זייער הויז. אָנקל מאָזעס האָט זיך אַריינגעמישט אין זייערע פאַמיליע־אָנגעלעגנהייטן. זיי האָבן זיך געלאָדן פאַר אים, און אָנקל מאָזעס האָט אַרויסגעגעבן געריכט־שפּרוכן איבער זיי, ווי אַ פאַרצייטיקער פּאַטריאַך איבער זיין משפחה. זיי זיינען געווען געטריי אָנקל מאָזעס, און טאָמער האָט ווער גע־

*) פּראָפ. פאַריין.

פּרוּווט זײַן אוּמצוּפרידן און דערמאָנען עפּעס אַ וואָרט וועגן אַ יוניאָן, האָבן עס די לאַנדסלײַט באַלד איבערגעגעבן אָנקל מאָזעס. דער אָנקל מאָזעס איז אַרויפגעקומען אין שאַפּ צוּרײַן, אויסגעזוכט דעם „רעוואָלוציאָנער", אָפּגעשטעלט זיך נעבן אים און צום ערשטן לאַנג און געניי באַטראַכט, אַזוי, אַז עס איז פון יענעם דאָס חיות אַרויס.

– סעם, ווי האָט מען אים גערופן אינדערהיים?

– משה גרויס – ענטפערט סעם קורץ אָפּ.

– אַזוי, דאָס ביסטו משה גרויס. דאָס ווילסטו האָבן אַ יוניע בײַ מיר. ניט בײַ מיר, גוטער ברודער! בײַ מיר אַרבעט מען ניט שבת, ניט יום-טוב. בײַ מיר איז ניט אַ שאַפּ, וואָס מע זאָל אַרײַנלאָזן יוניע-לײַט. בײַ מיר זײַנען לאַנדסלײַט, משפּחה. וואָלט בײַ מיר געווען אַרבעטער אין אַ שאַפּ, וואָלט מען בײַ מיר געווען געאַרבעט אי שבת, אי יום-טוב און אַפילו ראש-השנה און יום-כּפּור, ווי אין יעדן שאַפּ. איך לייג געלט צו דערצו. איך האַלט נאָר דאָס אויף צוליב אײַך, אַז מײַנע לאַנדסלײַט זאָלן קענען מאַכן אַ לעבן. וואָס וואָלט איר געטאָן אָן מיר? ווער וואָלט אײַך געבראַכט אין אַמעריקע? צי ווען זײַט איר געקומען נאָך אַ שיפסקאַרטע, נאָך געלט, אַז איר האָט באַדאַרפט אײַערע משפּחות אַהערברענגען? צי ווען קומט איר, אַז ס'ווערט ווער פון אײַך, חלילה קראַנק?–האָט אָנקל מאָזעס זיך צושריִען הויך אויפן קול, אַז די לאַנדסלײַט האָבן געציטערט – צי ווען קומט איר?–אַלץ צום אָנקל מאָזעס, העי? איז עס אַזוי? און דער וויל בײַ מיר אײַנפירן אַ יוניע. ניט בײַ מיר, ברודער! קיינער וועט מיך ניט נויטן, אַז מע זאָל בײַ מיר אַרבעטן אין שבת, אין יום-טוב. איך אַרבעט אַזוי שווער ווי איר. איר זעט עס אַליין, און פאַר וועמען? אַלץ נאָר פאַר אײַך. איך וועל צושליסן מײַן שאַפּ און זוכט אײַך ערגעץ אַנדערשוואו אַרבעט. אַז איר וועט באַדאַרפן אַ פּאָר דאָלאַר, וועל איך אײַך סײַ-ווי-סײַ געבן. נאָר מער צו טאָן מיט אײַך וויל איך ניט.

– וואָס רעדט דער אָנקל? וואָס הערט דער אָנקל זיך אײַן, וואָס אַ ליאַדע יונג זאָגט דאָרט? – הויבן זיך אָן די לאַנדסלײַט בעטן בײַם אָנקל מאָזעס.

– צוליב אים זאָלן מיר אַלע לײַדן? – צעקאָכט זיך אַהרן-משה, דעם אָנקלס אַ משפּחה – לאָזט מיך נאָר צו צו אים, וועל איך אים דערלאַנגען אַ יוניע – שרײַט דער ייד מיט דער האַנט אויסגעשטרעקט.

– ש-ש-טיי! בײַ מיר שלאָגט מען ניט–האַלט אים דער אָנקל מאָזעס אײַן...– נאָר ווען עס געפעלט ניט בײַ מיר, דער קאָן זיך שאַפן ערגעץ אַנדערשוואו בעסער. סעם, זע וואָס קומט אים און באַצאָל ביז אַ גראָשן. און נאַ, דאָ האָסטו דיר נאָך אַ פּאָר דאָלאַר מיט אויפן וועג.

אָנקל מאָזעס גוטסקײַט האָט אַלעמען גערירט.

– בעט איבער דעם אָנקל, די מינוט בעט איבער דעם אָנקל מאָזעס – האָבן די קוזמינער לאַנדסלײַט געשריִען.

– קושן אין האַנט לאָז ער. קוש דעם אָנקל מאָזעס אין דער האַנט – האָט אַהרן-משה דער פּרעסער געשריִען אויפן „רעוואָלוציאָנער".

דער סוף איז געווען, אַז אָנקל מאָזעס האָט זיך ניט געלאָזט קושן אין האַנט. דעם לאַנדסמאַן האָט ער ניט אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט. דאַן, פאַר זײַן נאַרישקײַט, האָט מען אים אַ צונאָמען געגעבן דער „יוניע-מאַן".

דאָס הייסט אָבער ניט, אַז מע האָט בײַם אָנקל מאָזעס ניט געאַרבעט אין שבת. פאַרקערט, שבת איז אין געוועלב בײַם אָנקל מאָזעס געווען דער מערסט־פאַרנומענער טאָג. די פרומע לאַנדסלײַט האָבן דעם טאָג טאַקע פאַרבראַכט אין די קלויזן, אינדערהיים מיט זייער משפחה. די ניט־פרומע, דעם יונגן עלעמענט, האָט אָנקל מאָזעס אײַנגעלאַדן שבת, אַז זיי זאָלן קומען אין געוועלב אַרײַן העלפן פאַרקויפן אָדער צופיקסן, ווען מע דאַרף עפעס צופאַסן אַ קאָסטומער. שבת איז געווען דער טאָג, וואָס מע האָט אַממערסטן געלייזט. און די לאַנדסלײַט, דערפאַר וואָס זיי האָבן ניט געקראָגן באַצאָלט פאַר זייער אַרבעט, האָבן די קלייניקײַטן ניט געהאַלטן פאַר אַן אַרבעט, נאָר פאַר אַ געטרײַשאַפט צום אָנקל.

ה. קוזמין שטרײַקט.

עס איז געשען אַ ווונדערלעכע זאַך — די לאַנדסלײַט פון קוזמין, אָנקל מאָזעס משפחה זײַנען אַרויס אין שטרײַק. צוערשט האָט עס אָנקל מאָזעס גאָרניט פאַרשטאַנען, וואָס איז געשען. געזען, ווי די לאַנדסלײַט הויבן זיך אויף אין מיטן טאָג און לייגן אַוועק די נאָדל און פאַרלאָזן דעם שאַפ, האָט ער געמיינט עס איז אַן אומגליק געשען.

— וואָס איז געשען? וווּהין גייט איר? —

די לאַנדסלײַט האָבן זיך אַרויסגעגנבעט פון שאַפ, ווי זיי וואָלטן באַגאַנגען אַ גנבה און געשעמט זיך צו קוקן דעם אָנקל אין די אויגן אַרײַן. איינציקווײַז האָבן זיי זיך אַרויסגעשלײַכט. האָט דער אָנקל אָפּגעשטעלט שלמה דאָרפגייער, אַ גוטן באַקאַנטן פון דער היים.

— שלמה, וווּהין גייסטו?

— איך ווייס ניט, מע האָט מיך געהייסן, גיי איך.

— וואָס בין איך אַ פרעמדער? — האָט דער אָנקל געשריען — בײַ מיר שטרײַקט מען? פאַר מײַן גוטס, וואָס איך האָב אײַך אַראָפּגעבראַכט קיין אַמעריקע, האַלט אײַך אויס מיט ווײַב און קינדער. די ביזנעס זײַנען דאָך נאָר צוליב אײַך — שטרײַקט מען בײַ מיר! גוט, גוט, איך וועל זיי שוין ווײַזן שטרײַקן.

די לאַנדסלײַט האָבן גאָרניט געענטפערט. פאַרלאָזט די שאַפ און צונויפגעקליבן זיך אין שול, פון וועלכער דער אָנקל איז געווען פרעזידענט.

לאַנג האָט געדויערט, ביז עס איז געלונגען דער יוניאָן פון די שנײַדער צו אָרגאַניזירן אָנקל מאָזעס שאַפ. די לאַנדסלײַט האָבן זיך ניט פאָרגעשטעלט, ווי אַזוי זיי וועלן קאָנען דעם אָנקל שלעכטס טאָן. — ער איז דאָך אונדזער פרנסה־געבער — האָבן זיי אויף אַלע טענות אָפּגעענטפערט. נאָר פון זינט אָן דער אָנקל האָט חתונה געהאַט, און סעם האָט זיי געלאָזט פילן זײַן האַנט, איז ביסלעכווײַז געוואַקסן די אומצופרידנקײַט צווישן די לאַנדסלײַט מיטן אָנקל, און אייניקע פּראָפּעסיאָנעלע אָרגאַניזאַטאָרס פון יוניאָן איז ענדלעך געלונגען אײַנדערשט׳ל צו אָרגאַניזירן דעם אָנקלס שאַפ, אין געהיים, פון איין לאַנדסמאַן צום אַנדערן, ביז דער שטרײַק איז אויסגעבראָכן אומגעריכט פאַרן אָנקל און אַלע זײַנע באַהעלפערס.

אין אָנפאַנג איז קוזמין געווען זייער ענטוזיאַסטיש צו קעמפן. אַז מע האָט געדאַרפט גיין „פּיקעטן" פאַרן אָנקלס שאַפ, האָבן זיך אַלע געריסן. אויסגעקליבן אָבער האָט מען שלמה דאָרפגייער און יאָסל פורמאַן, יידן סעדער־האַלטערס און

פישערס, יידן, וועלכע קאָנען געבן צוריק אַ קלאַפּ, ווען מע וועט דאַרפֿן. זיי האָבן גענומען ברויט און אָפּגעזאָדענע קאַרטאָפֿליעס אין די קעשענעס און האָבן זיך אַוועקגעשטעלט אַזייגער זעקס אינדערפֿרי פֿאַרן אָנקלס שאָפּ. געשטאַנען און געהיט.

טיילמאָל איז דער אָנקל אַרויס צו זיי און פּרובירט מיט זיי ריידן:

— וואָס וועט זײַן דער סוף פֿון שטיין?

— מיר ווייסן ניט. געהייסן שטיין, שטייען מיר–האָבן די יידן אָפּגעענטפֿערט.

— אָבער וואָס ווילט איר?

— מיר ווייסן גאָרניט, טשאַרלי, טשאַרלי, אַלץ טשאַרלי, מיר זײַנען פּראָסטע סאָלדאַטן, געהייסן שטיין, שטייען מיר – האָבן די יידן אָפּגעענטפֿערט מיט אַ זעלנערישן טאָן, דערמאָנענדיק זיך אָן זייער שטיין אויף דער וואַך אין סאָלדאַטן.

— וואָס, טשאַרלי האָט אײַך געבראַכט קײַן אַמעריקע? טשאַרלי האָט אײַך בעגעבן אַרבעט? פּרנסה געגעבן? אַ גאַנץ יאָר גייט איר אויך צו טשאַרלין—אַלרײַט!

— אַזוי געהייסן.

— וואָס שטייט דער אָנקל און טענהט זיך אויס מיט זיי? מיט וועמען איז דאָ צו ריידן? אָנקל, אַרײַן! — האָט סעם אים געצויגן בײַם אַרבל מיט חוצפּה.

— לאָז מיך, איך וויל זיך מיט זיי דורכריידן.

— אָנקל — האָט סעם געשריען — איך וויל, אַז דער אָנקל זאָל אַרײַן! מע דאַרף ניט ריידן מיט זיי. אויס משפּחה, אויס לאַנדסמאַן. איך לאָז ניט מער קײַן משפּחה איבער דער שוועל אַרויף.

— אַלעס צו טשאַרלין. מיר ווייסן גאָרניט—האָבן די לאַנדסלײַט אָפּגעענטפֿערט.

און טשאַרלי איז געקומען יעדן אָוונט אין חברה „אַנשי־קוזמין" און גערעדט צו די לאַנדסלײַט; טשאַרלי האָט געבראַכט אַנדערע רעדנער; טשאַרלי איז אַרומגע־לאָפֿן צו די צײַטונגען; טשאַרלי האָט פֿון ערגעצוווּ געלט געקראָגן; טשאַרלי איז געווען דער, וואָס איז געקומען אויסלייזן די לאַנדסלײַט פֿון אָנקל מאָזעס.

קוזמין האָט גערוט.

ניט קײַן שבת, ניט קײַן יום־טוב — ס'איז אינדערוואָכנס, און מע אַרבעט ניט. און צו דעם איז קוזמין ניט צוגעוווינט. שוין אַכט טעג ווי דער שטרײַק האַלט אָן. דער ערשטער ענטוזיאַזם איז שוין פֿאַרשוווּנדן, און קוזמין האָט שוין געפֿילט אַ בענקשאַפֿט נאָכן שאָפּ. נאָך האָבן זיי ניט געפֿילט קײַן הונגער, אַבּיסל האָט יעדער געהאַט אַליין אָפּגעשפּאָרט און באַהאַלטן פֿאַרן שטרײַק, און אַבּיסל האָט די יוניאָן מיט מי צונויפֿגעשלעפּט. נאָר קוזמין האָט ניט געקאָנט אַרומגיין ליידיק. דאָס „באַ־לעמוטשען" האָט זיי ניט געלאָזט רוען. דער „תּכלית" האָט געפּיקט און גענאָגט דאָס האַרץ, ווי אַ שלעכטער וואָרים.

— וואָס וועט זײַן דער תּכלית פֿון דעם באַלעמוטשען?–האָט איינער אינדער־שטיל געפֿרעגט דעם אַנדערן.

— און וואָס פֿאַר אַ תּכלית האָסטו בײַם אָנקל אין שאָפּ? פֿאַרן טרוקענעם שטיקל ברויט – דאָס איז דער תּכלית!

— מילא, מסתּמא ווייסטו דאָך. אַז קהל הייסט אַזוי, קהל ווייס וואָס ער טוט.

קוזמין האָט זיך אַרומגעדרייט פֿראַנק און פֿרײַ און האָט גאָרניט געטאָן. קוז־מין האָט דערוויַיל באַקענט זיך מיט זייערע ווײַבער און קינדער, אויף וואָס זיי האָבן קײַן צײַט ניט געהאַט, ווען זיי האָבן געאַרבעט; קוזמין האָט אָפּגעגעבן זיך

מיט הויז־זאַכן, צורעכט געמאַכט זייערע אייגענע קליידער, אָבער קוזמין איז ניט צופרידן געווען.

— גוואַלד, טשאַרלי, וואָס ציט זיך עס אַזוי לאַנג? וואָס וועט זײַן דער תּכלית?

און טשאַרליס „פּאָפּולאַריטעט" בײַ די קוזמינער לאַנדסלײַט האָט אָנגעהויבן ביסלעכווײַז צו פאַלן. וואָס לענגער עס האָט זיך געצויגן דער שטרײַק און מע האָט קיין רעזולטאַטן ניט געזען, האָבן די קוזמינער לאַנדסלײַט, ווי אַמאָל זייערע עלטערן אין דעם מדבר, אָנגעהויבן צו „מורמלען" אויף טשאַרלין:

— וואָס וועט זײַן דער סוף? אַלטע יידן לאָזן זיך פירן פון אַ יינגל. העט, שיין זעען מיר אויס.

סעם איז דערווײַל אויך ניט געשלאָפן. ער איז אַוועק צו זײַן שוועסטערקינד מאַנעס. מאַנעס איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט זיך באַפרײַט פון אָנקל מאָזעס שאָפּ, דערכאַפּט די אַמעריקאַנער לופט און באַלד געוואָרן אַ מיטגליד פון אַ סך געזעלשאַפטן. אַז עס קומט צו די וואַלן, איז מאַנעס „אָלרײַט". דאָס גאַנצע פענצטער איז בײַ מאַנעסן באַהאַנגען מיט פּאָרטרעטן פון זײַנע „לײַטע". מאַנעס לויפט אַרום צו די לאַנדסלײַט און אַגיטירט. ניט איינמאָל קומט אויס צו איבערצײַגן די קעגנער מיט הענט־אַרגומענטן, און אויף דעם איז מאַנעס דער בעסטער אַגיטאַטאָר. ווען מע דאַרף מאַנעסן, שלעפּט מען אים פון איין וואַל־ביוראָ צו דער אַנדערער, אַז ער זאָל דיסקוטירן מיט די הענט. מאַנעס איז געווען אַ גרויסער פּאַטריאָט פון אַמעריקע. בײַ אים אין שטוב איז געהאַנגען וואַשינגטאָנס פּאָרטרעט, און איז עס געקומען אַן אַמעריקאַנער יום־טוב, האָט ער אַרויסגעהאַנגען אַ גרויסן אַמעריקאַנער פלאַג. דערפאַר האָט מאַנעס פײַנט געהאַט די נײַע פּאַרטיי, צו וועלכער טשאַרלי האָט געהערט — די סאָציאַליסטן, ווײַל זיי זײַנען ניט קיין פּאַטריאָטן און מאַכן אָן צרות.

סעם האָט געטראָפן מאַנעסן אין קלוב. ער האָט אים פאַררופן אַהיים און זיך מיט אים אַן עצה געהאַלטן. מע האָט צונויפגערופן די נאָענטסטע משפּחה און בסוד אַוועקגעשיקט זיי צו די לאַנדסלײַט אַהיים. צוערשט איז מען געגאַנגען צו די באַקאַנטע, וואָס מע קאָן פון דער היים, וועלכע דער אָנקל האָט אַממערסטן טובֿות געטאָן, און געמאַכט מיט זיי אַ שמועס:

— וואָס זאָגט אײַך צו טשאַרלי, ער וועט פאַר אײַך אַ שאָפּ עפענען? וואָס לאָזט ער אײַך הונגערן? אַז ער האָט אײַך פון דער אַרבעט אַראָפּגענומען, פאַרוואָס גיט ער אײַך ניט אַ לעבן צו מאַכן? ער עסט, ער נעמט געהאַלט פון דער יוניאָן. פאַרוואָס שטרײַקט ער ניט? ער שטרײַקט ניט, אײַך הייסט ער שטרײַקן.

און די לעצטע ווערטער האָבן איבערצײַגט. ס'האָט ניט לאַנג געדויערט, און סעמען מיט מאַנעסן איז געלונגען צו געווינען אַ טייל פון די לאַנדסלײַט צו דער אַרבעט. ניט דער הונגער, ניט די נויט האָט דאָ געזיגט, נאָר קוזמין איז ניט געווינט געווען אַרומצוגיין ליידיק און האָט געבענקט נאָך דער שאָפּ.

צומאָרגנס אינדערפרי, אַז טשאַרלי איז אַרײַנגעקומען אין שול צו דער חבֿרה „אַנשי־קוזמין", האָט ער געטראָפן נאָר די ווײַבער פון די שטרײַקנדיקע לאַנדסלײַט. קוים האָבן זיי אים דערזען, זײַנען זיי עס צו אים צו, און חנה־ראָזע, שלמה דאַרפגייערס ווײַב, האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויסטענהן פאַר אַלעמען:

— ווער האָט דיך געבעטן, איך בעט דיך, אַז דו זאָלסט זיך פאַר אונדז אָננעמען? וויפיל האָסטו גענומען דערפאַר?

— פאַרוואָס?

— אום דו זאָלסט זיי, די אַלטע נאַראָנים, פון וועג אַראָפּפירן.
— ניין, דו פרעג בעסער, פאַרוואָס שטרײַקט ער ניט? — האָט אַ צווייטע יידענע געשריען.
— פון וואָס זאָל איך שטרײַקן?
— פון די יוניע פאַרוואָס שטרײַקסטו ניט? פאַרוואָס הייסטו אונדז שטרײַקן?
— אָבער איך האָב דאָך ניט צו וואָס צו שטרײַקן, איך אַרבעט דאָך ניט בײַ קיינעם, בײַ וועמען זאָל איך שטרײַקן? — האָט טשאַרלי געלאַכט.
— דו הערסט, ער אַליין שטרײַקט ניט, אונדז הייסט ער שטרײַקן.
— וואָס רעדט איר מיט אים? ווער איז ער איינגאַנצן, וואָס ער וואַגט זיך אַנטקעגנצושטעלן קעגן דעם אָנקל? און מיר, אַלטע יידן, לאָזן זיך פאַרפירן פון אַזאַ שנעק, פון אַזאַ ייִנגל!
— קומט, יידן, קומט. די הענט דאַרפן מיר קושן דעם אָנקל, אַז ער זאָל אונדז צוריקנעמען. געהערט אַ מעשה.
און שוין האָבן זיך די קוזמינער לאַנדסלײַט געוואָלט אַרויסלאָזן פון דער חברה.
טשאַרלי איז געשטאַנען אינמיטן אַ פרעמדער וועלט — און ער האָט ניט פאַר־שטאַנען, וואָס צו זאָגן זיי. ער האָט יאָ געפרוווט עפּעס ריידן, וועגן אויסהאַלטן, וועגן אַ בעסערן לעבן, וועגן אַ גערעכטלעכער אָרדנונג. נאָר די יידן האָבן אים ניט געהערט, געלאַכט הינטער אים. און אַ יידענע האָט גערופן צו אים:
— דו באַזאָרג זיך צוערשט, אַז דו זאָלסט ניט גיין מיט אָפּגעהאַקטע אָפּצאָסן און מיט אַן אָפּגעריבענעם הינטן, דערנאָך וועסטו די וועלט פאַרזאָרגן. מײַנע פאַר־זאָרגער...
טשאַרלי איז געווען פאַרצווייפלט. ער האָט געהאַלטן פאַר זײַן חוב פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג, אַלס אַ קינד פון זײַן פאָטער, וואָס איז געווען מיט זײַן משפחה, מיט זײַנע לאַנדסלײַט פאַרשקלאַפט בײַם אָנקל מאָזעס, צו אָרגאַניזירן אָנקל מאָזעס שאַפּ. און מיטאַמאָל האָט ער געזען זײַן אַרבעט פון חדשים און יאָרן צונישט.
נאָר אין דעם האָט זיך אויפגעהויבן אַהרן זשאָכלינער — טשאַרליס פאָטערס אַ חבר. די קוזמינער לאַנדסלײַט, וועלכע האָבן אים געקענט פון דער היים, האָבן פאַר אים דרך־ארץ געהאַט. דעריבער האָבן זיך אַלע אײַנגעשטילט און אויסגעהערט, וואָס ר׳ אַהרן האָט צוזאָגן.
— יידן — האָט ער אָנגעהויבן — ס׳איז דאָך פונקט ווי אין מצרים. קוים מיט צרות און גרויס מאַטערניש זײַנען מיר אַוועק פון „פרעהן” און פון זײַן גובערנאַ־טאָר סעם, וואָס אַרבעט מיט אונדז אַזוי שווער, ווי די יידן אין מצרים, און קוים זײַנען מיר שוין באַלד אויסגעלייזט, נאָך אַביסל איבערצוטראָגן דעם צער פון הונ־גער, פאַרבענקט איר זיך נאָך די טעפּ פלייש און זאָגט: „לאָמיר זיך צוריקקערן צום אָנקל”. זאָג איך אײַך...
אַ שטמעוודיקײַט האָט אַרומגענומען די יידן. עס איז מיטאַמאָל פאַרשוווּנדן די שרעק פאַר פרנסה; די קוזמינער לאַנדסלייט האָבן מיטאַמאָל דערפילט אַ גאַנץ אַנדערן טעם אין קאַמף מיטן אָנקל מאָזעס, און שלמה דאַרפגייער האָט זיך געגעבן אַ רוף אָן פאַר אַלע:
— יידן, קומט מיט מיר! מיר וועלן אַרויסטרײַבן די לאַנדסלײַט פון שאַפּ. אַז ניט אַרבעטן, זאָל קיינער ניט אַרבעטן!
און די לאַנדסלײַט האָבן זיך אַרויסגעלאָזט באַלאַגערן דעם אָנקלס שאַפּ.

סעם האָט זיך געריכט אויף די לאַנדסלײַט און האָט געמאַכט אַלע פּאָרבאַ־ רײטונגען צו באַגעגענען זיי. און ווי שלמה דאָרפגײער מיט די לאַנדסלײַט זײַנען אָנגעקומען פאַר דעם שאַפּ פונם אָנקל, האָט זיי באַגעגנט אַ פרוי, וועלכע איז פון ערגעץ אַרויס און אַרומגענומען שלמהן.

שלמה איז דערשראָקן געוואָרן. ער האָט זיך געוואָלט באַפרײַען פון דער פרויס אָרעמס און אַרײַן אין געוועלב אַראָפּצונעמען די אַרבעטער, נאָר די פרוי האָט אים פעסט געהאַלטן בײַם אַרבל און געשריען:

– פּאָליסמען! ער האָט מיך באַליידיקט!

מיטאַמאָל זײַנען אַרויס פּאָליסמענער מיט שטעקנס אין די הענט, ציוויל־גע־ קליידעטע שפּיאָנען מיט פאַרדעכטיקע פּרויען, וועלכע האָבן געריסן די אַלטע יידן בײַ די בערד און פאות.

– וואָס איז געשען? – האָט דער עלטסטער פון די פּאָליסמענער געפרעגט.

– ער האָט מיך באַליידיקט – האָט די פאַרדעכטיקע פרוי געשריען.

און דאָס איז געווען אַ סיגנאַל. באַלד זײַנען שוין געפלויגן שטעקנס איבער די קעפּ פון די לאַנדסלײַט. אַ טייל זײַנען אָפּגעקומען מיט צוקלאַפּטע קעפּ, מיט בײַלן אויפן פנים; אַנדערע, מיט שלמהן אין דער שפּיץ, זײַנען געוואָרן אָפּגעפירט צובלוטיקטע אין פּאָליציי־ביוראָ. די פּאָליסמענער האָבן זיי באַגלייט מיט זידלערײַען און קלעפּ. אין אַ פערטל שעה אַרום איז שוין קײַן זכר ניט געבליבן פון די לאַנדס־ לײַט, און פאַר אָנקל מאָזעס שאַפּ איז געווען שטיל און רויק.

אין די ווײַבער פון די קוזמינער לאַנדסלײַט האָט זיך געפילט אַן ענדערונג נאָכדעם, וואָס ס'איז פאָרגעקומען פאַרן אָנקלס שאַפּ. געזען זייערע מענער צוריק אַהיים קומענדיק, ווער מיט אַ צעבלוטיקטן קאָפּ, ווער מיט אַן אויסגעפליקטער באָרד, האָט זיך אין זיי דערוועקט אַזאַ רעוואָלוציאָנערער גײַסט, אַז זיי זײַנען גרייט געווען די מינוט צו לויפן און באַפאַלן אָנקל מאָזעס שאַפּ. זיי האָבן שוין ניט געשיקט צוריק זייערע מענער צו דער אַרבעט, ניט געהייסן, אַז זיי זאָלן פאַרן אָנקלס פיס פאַלן, אַז זיי זאָלן סעמס הענט קושן. פאַרקערט, זיי האָבן געשראָקן זייערע מענער, אַז זיי וועלן גיסן איבער זייערע קעפּ מיט טעפּ זודיקע וואַסער, ווען זיי וועלן וואַגן דעם אָנקלס שוועל איבערצוטרעטן.

— דו קאָנסט זיך שוין זוכן אַן אַנדער היים, אַן אַנדער ווײַב, אַז דו וועסט מיר וואַגן צום אָנקל צו גיין—האָט אַ יידענע געמאַכט מיטן פינגער אויף דער נאָז צו איר מאַן.

— און אַלצדינג, וואָס טשאַרלי וועט דיר הייסן, זאָלסטו טאָן—דו הערסט— טשאַרלי ווייס וואָס ער האָט צו טאָן, אָי ווייס ער, אַ געזונט אין זײַן קאָפּ.

און טשאַרלי איז צוריק געוואָרן דער העלד, דער אויסלייזער, דער באַפרײַער פון די קוזמינער לאַנדסלײַט.

לערנביכער אויף יידיש

פון ש. באַסטאָמסקי און מ. חיימסאָן

1. לעבעדיקע קלאַנגען – אילוסטרירטער א״ב.
2. לעבעדיקע קלאַנגען – כרעסטאָמאַטיע פאַרן ערשטן לערניאָר.
3. לעבעדיקע קלאַנגען – כרעסטאָמאַטיע פאַרן צווייטן לערניאָר.
4. לעבעדיקע קלאַנגען – כרעסטאָמאַטיע פאַרן דריטן לערניאָר.
5. לעבעדיקע קלאַנגען – כרעסטאָמאַטיע פאַרן פערטן לערניאָר.
6. דאָס לעבעדיקע וואָרט (פון ש. באַסטאָמסקי און ז. רייזען) כרעסטאָמאַטיע פאַרן V און VI לערניאָר
7. דאָס „נײַע וואָרט" כרעסטאָמאַטיע פאַר עלטערע קלאַסן אין 3 בענדער: עפּאָס, ליריק און דראַמע.
8. באַוועגלעכע כרעסטאָמאַטיע פון ש. באַסטאָמסקי (25 באַזונדערע העפטן)

די „לעבעדיקע קלאַנגען", „דאָס לעבעדיקע וואָרט" און „דאָס נײַע וואָרט" זײַנען רעקאָמענדירט פון דער צענטראַלער יידישער שול־אָרגאַניזאַציע און זײַנען אָנגענומען אין די יידישע שולן פון דער גאָרער וועלט

נייע רעכנביכער!

שוין דערשינען

2 נײַע רעכנביכער פון ש. באַסטאָמסקי:

1. אַריטמעטישער רעכנבוך פאַרן 2־טן לערניאָר – צאָלן פון ערשטן הונדערט. ערשטע ידיעות פון געאָמעטריע.
2. אַריטמעטישער רעכנבוך – ברוכצאָלן

מיט באַשטעלונגען זיך ווענדן:

S. Bastomski Wilno, Stefańska 24